

# פובליק העלט ווענדינג מאשינען:
## פארמערן צוטריט צו געזונטהייט און וואוילזיין געצייג אין ניו יארק סיטי

פובליק העלט ווענדינג מאשינען זענען טייל פון די ניו יארק סיטי העלט דעפארטמענט'ס צוגאנג צו אדרעסירן די אווערדאזע קריזיס. די ווענדינג מאשינען ווערן געפירט דורך קאמיוניטי מיטארבעטער און פארטיילן געזונטהייט און וואוילזיין געצייג פאר ניו יארקער.

### וואס איז די ציל פון די ווענדינג מאשינען?

די ווענדינג מאשינען העלפן:

- קומען אן צו מענטשן וועלכע זענען נישט באהאפטן צו שאדן פארמינערונג סערוויסעס אדער וועלכע קומען אויס צו מיטהאלטן אדער דורכגיין אן אפיאוד אווערדאזע.
- פארמערן צוטריט צו אומזיסטע געזונטהייט און וואוילזיין געצייג.
- פארמינערן סטיגמא דורך ערלויבן פאר ניו יארקער צו צוקומען צו שאדן פארמינערונג געצייג גרינגערהייט און פריוואטערהייט.

### וועלכע געצייג שטעלן די ווענדינג מאשינען צו?

די ווענדינג מאשינען שטעלן צו אן איסוואל פון אומזיסטע געזונטהייט און וואוילזיין געצייג, אריינרעכנענדיג:

- זיכערע געשלעכט פעקלעך (קאנדאמס און שמירעכצער)
- שארפס האלטערס
- ריינע איינשפריצער (בלויז געוויסע ווענדינג מאשינען)
- Naloxone (נאלאקסאן)
- פענטאניל טעסט סטריפס
- טוילעטרי פעקלעך (אזוויי ריינקייט און מענסטרועל פעקלעך)

### וואו געפונען זיך די ווענדינג מאשינען?

די ווענדינג מאשינען געפונען זיך אין געגנטער מיט הויכע ראטעס פון אווערדאזע טויטפעלער. די לאקאציעס פון די ערשטע פיר ווענדינג מאשינען זענען געווארן אויסגעוועלט מיט הילף פון קאמיוניטי מיטגלידער און מיטארבעטער און די ניו יארק סיטי העלט דעפארטמענט.

פאר א פרישע ליסטע פון לאקאציעס, באזוכט **nyc.gov/phvm**, סקענ'ט די QR קאוד, אדער רופט **311**.

NYC Health

בילדער געגעבן דורך Intelligent Dispensing Solutions. ווענדינג מאשינען קונסטווערק דורך Caroline Linder McNeill.

## וויאזוי קענען מענטשן באקומען געצייג פון די ווענדינג מאשינען?

מענטשן וועלן דארפן אריינלייגן זייער זיפ קאוד נוצנדיג קנעפלעך צו באקומען צוטריט צו געצייג פון די וועדינג מאשינען. נאך אנווייזונגען און אינפארמאציע הענגען ביי יעדע וועדינג מאשין אין ענגליש און שפאניש.

## פארוואס זאל מיין קאמיוניטי האבן א פובליק העלט וועדינג מאשין?

אווערדאזע איז א הויפט אורזאך פון טויט אין ניו יארק סיטי. פובליק העלט וועדינג מאשינען פארמערן 24/7 צוטריט צו naloxone (נאלאקסאן), א פארזיכערטע מעדיצין וואס קען צוריקדרייען די נאכווייען פון אן אפיאוד אווערדאזע, און אנדערע לעבנס-רעטנדע געצייג.

צווישן יוני 2023 און אויגוסט 2025, האבן מער ווי 59,000 געזונטהייט און וואוילזיין געצייג געווארן פארטיילט פון פובליק העלט וועדינג מאשינען אין ניו יארק סיטי. מערסטנס מענטשן וועלכע נוצן די וועדינג מאשינען וואוינען אין די זעלבע זיפ קאוד וואו זיי געפונען זיך, וועלכע ווייזט זייער אפעקט אין די קאמיוניטיס וועלכע זיי דינען.

פובליק העלט וועדינג מאשינען קענען העלפן דערגרייכן מענטשן וועלכע וועלן געווענליך נישט גיין צו אפטייקן אדער שאדן פארמינערונג פראגראמען פאר הילפסמיטלען און סערוויסעס.

## וועט די וועדינג מאשינען פארשטערקערן דראג באנוץ?

פארשונג ווייזט אז צוטריט צו נאלאקסאן אדער איינשפריצן קענען פארמינערן אפיאויד אווערדאזע טויטפעלער און נידערן דאס אריבערפירונג פון ווייראל העפעטייטיס, HIV, און אנדערע בלוט-אריבערגעפירטע אנטצינדונגען. עס איז נישט דא קיין באווייז אז צוטריט צו די געצייג פערמערט דראג באנוץ אדער געפארפולע אויפפירונגען.

## וויאזוי ווערן די וועדינג מאשינען געפירט?

קאמיוניטי מיטארבעטער פולן צוריק אן און פירן אדורך ארבעט וואס פעלט אויס אויף די וועדינג מאשינען יעדע וואך. זיי העלפן אויך מענטשן באקומען צוטריט צו געצייג פון די וועדינג מאשינען לויט ווי עס פעלט אויס.

## וויאזוי וועלן די וועדינג מאשינען פארמיידן איינשפריץ מיסט?

אלע וועדינג מאשינען וועלכע האבן איינשפריצער געבן אויך שארפס האלטערס און האבן אן איינשפריץ ווארפונג קיאסק נעבן דעם. רופט **311** צו באריכטן אויב איר טרעפט אן איינשפריץ אויף פובליק פראפערטי.

**וואו קען איך באקומען מער אינפארמאציע אדער פרעגן פראגעס?**
אימעיל'ט **naloxone@health.nyc.gov** אדער באזוכט **nyc.gov/alcoholanddrugs**.